# סצענע 6 א'
# Escena 6 A

## מאָטל'ס אויסזען
## El aspecto de Motl

ציווקע - מאָטל, איך מוז דיר זאָגן: דו האָסט טאַקע געטאַנצט זייער גוט !

גיטל - טאַנצן איז אַ מחיה !

מאָטל - אַ מחיה...? מאַמע, פֿאַר דיר טאַנצן איז אַ מחיה... פֿאַר מיר, איז עס געווען אַן אָפּקומעניש !

ציווקע - מאָטל... זײַ נישט קיין קוועטש. איצטער וועט דײַן לעבן זיך אָנהייבן. ערשטנס, וועלן מיר גיין אין מאַגאַזין.

גיטל - וואָס עפּעס אין מאַגאַזין?

ציווקע - מאַמע, מײַן ברודער וויל האָבן אַ כּלה, ער וויל חתונה האָבן... ער טאָר נישט אַרומגיין ווי אַ שלעפּער !

מאָטל - אַ שלעפּער ??? אַ שלעפּער זאָגסטו ??? מײַן פֿרײַנד, טביה דער שנײַדער, נייט אַלע מײַנע אַנצוגן. און מײַנע שיך... זיי זײַנען נישט סתּם שיך... מײַן פֿרײַנד דער שוסטער, האָט זיי ספּעציעל, געמאַכט פֿאַר מיר... זיי זײַנען די לעצטע מאָדע !

ציווקע - יאָ, יאָ, די לעצטע מאָדע... די לעצטע מאָדע פֿון שטעטל ! דו דאַרפֿסט זיך אָנטאָן מאָדערן.

גיטל - דײַן שוועסטער איז גערעכט. קום מאָטל, לאָמיר אַלע גיין אין מאַגאַזין..

מאָטל - אַ ברירה האָב איך ?